**גוט שבת אלע אידן.** יום כיפור ווערט אנגערופן אין די תורה "יום הכפרים" (ויקרא כג,כז). "יום הכפרים" איז טייטש א טאג וואס איז אזוי ווי די פריילליכער יום טוב פון פורים. אין פורים עסט מען און מען טרינקט און מען זינגט און מען פרייט זיך. אבער יום כיפור שטייט מען אין שול דעם גאנצען טאג און מען עסט נישט וכו'. ווי אזוי קען די תורה רופן יום כיפור "א טאג ווי פורים"? נאר דער ענטפער איז: ווייל די גרעסטע שמחה איז ווען איינער וועלכער האט באליידיגט א צווייטן בעט אים איבער און די צוויי ווערן נאנט נאכאמאל. די ענין איז שייך סיי ביי אונזער חיוב פון מצוות בין אדם לחבירו סיי ביי מצוות בין אדם למקום.

מען ווייסט אז יום כיפור איז א טאג פון סליחה און כפרה, ד"ה דער אויבערשטער איז מוחל די אידישע פאלק. די מחילה וואס דער אויבערשטער איז מוחל די אידישע קינדער אין יום כיפור איז גורם א געוואלדיגע שמחה אין די וועלט, ווייל די עבירות האבן גורם געווען א פירוד צווישן דעם אויבערשטען און די אידן. אין יום כיפור ווען דער אויבערשטער איז מוחל די אידן, מאכט עס אז דער אויבערשטער און די אידן זענען נאנט נאכאמאל. דער אויבערשטער איז נאר מוחל טאמער מ'בעט אים איבער. עס קומט אויס אז די שמחה פון יום כיפור איז תלוי אויף תשובה, ד"ה איבערבעטן דעם אויבערשטען.

די זעלבע זאך איז שייך ביי אונזער חיוב בין אדם לחבירו. כדי יום כיפור זאל האבן א כח צו מכפר זיין, מוז מען איבערבעטן אונזערע חברים און בני משפחה וועלכע מ'האט באליידיגט דורך דער פריעדיגע יאר. אזוי ווי די משנה ברענגט: "עבירות שבין אדם לחברו, אין יום הכפורים מכפר, עד שירצה את חברו." (יומא ח,ט) וויבאלד ס'ווערט שפעט און ס'בלייבט נאך עטליכע טעג כדי צו איבערבעטן אונזערע חברים און בני משפחה, לאמיר אריינכאפן אין די לעצטע שעות און צוגיין צו זיי כדי זיי איבערצובעטן.

די פאלגענדע מעשה איז געשען אין בני ברק אין די לעצטע יארן פונעם צדיק דעם סטייפעלער, רבי יעקב ישראל זצ"ל. ער איז שוין געווען אלט און שוואך און קוים וואס ער איז ארויס פון שטוב.

אין א געוויסע אווענד איז פארגעקומען א בר מצוה פון איינעם פון די בני ברק'ער איינוואוינער. ווי ערשטוינט זענען אלע געווארן ווען עס עפנט זיך די טיר און דער סטייפעלער זצ"ל קומט אריין צום בר מצוה. אלע האבן זיך זייער געוואונדערט פון זיין קומען. ער איז בכלל נישט געווען קיין משפחה מיטן בעל הבר מצוה און מען האט אים אפילו נישט גערופן צו דער בר מצוה, ווייל ווי געזאגט איז ער כמעט פון שטוב נישט ארויסגעגאנגען.

דער בעל השמחה איז גלייך צוגעלאפן צו אים, און מיט גרויס פרייד אים אויפגענומען און אים אוועקגעזעצט אויבנאן נעבן דעם בר מצוה בחור. דער סטייפעלער האט אבער לאנג נישט פארברענגט, ער האט מיטן בר מצוה בחור געשמועסט איניגע ווערטער און באלד זיך געלאזט צו די טיר.

דער עולם איז געווען זייער ערשטוינט. מען איז באלד צוגעגאנגען צום בר מצוה בחור און אים געפרעגט, וואס האט אים דער סטייפעלער געזאגט. "ער האט מיר געבעטען איך זאל אים מוחל זיין." איז געווען דער ענטפער פון דעם בר מצוה בחור. און דער בר מצוה בחור דערציילט פאר אלע שטוינענדע מענטשן די פאלגענדע מעשה:

מיט יארן צוריק ווען ער, דער בר מצוה בחור איז אלט געווען נישט מער ווי זיבן יאר, האט זיין טאטע געדאווענט אין "לדרמן" שול, וואו דער סטייפעלער האט דארט אויך געדאווענט. איינמאל האט דער סטייפעלער באמערקט ווי דער אינגל לערנט אין מיטן דאווענען. איז דער צדיק צוגעגאנגען צו דעם אינגל און אויף אים געשריגן. ער האט אבער באלד דערנאך באמערקט אז ער האט אומזיסט געשריגן אויפ'ן אינגל, ווייל דער אינגל האט געהאלטן א גרויסן סידור, וואס האט אויסגעזען ווי א ספר. און דער אינגל האט טאקע געדאווענט און נישט געלערנט, ווי דער סטייפעלער האט געמיינט.

עס האט דעם סטייפעלער זייער באנג געטון וואס ער האט פארשעמט דעם אינגל אומזיסט. און דער צדיק האט אים געוואלט בעטן מחילה. אבער דער אינגל איז דאך נאך א קליינער, און א קטן קען דאך נישט מוחל זיין. האט דער סטייפעלער אים דאן געפרעגט זיין נאמען און זיין עלטער און עס ביים אים פארצייכנט.

דער סטייפעלער האט די טאג פאר דעם אינגלס בר מצוה נאכגעפרעגט וואו עס וועט פארקומען די בר מצוה סעודה. און נאכדעם וואס ער האט זיך דערוואוסט אלע איינצעלהייטן, איז דער צדיק יעצט געקומען צו דער בר מצוה. גלייך ווי דער אינגל איז אלט געווארן דרייצן יאר און ער איז געווארן א גדול, כדי אים צו בעטן מחילה פאר דעם עגמת נפש וואס ער האט אים פארשאפט אומזיסט מיט זעקס יאר צוריק.

לאמיר מאכן דעם יום הקדוש צו זיין א פריילליכער טאג ווי פורים דורך איבערבעטן נישט נאר דעם אויבערשטן נאר אונזערע חברים און בני משפחה אויך. גוט **שבת אלע אידן.**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של ר' נתן בן רבקה, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים
לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. לע"נ ר' אברהם בן ר' יששכר דוב ע"ה
**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234**
**מבצע חדש לשנה החדשה: נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! דורך דעם וועסטו זיין א מזכה את הרבים!**